**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/21/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט יו-עס קלענערע ביזנעס אדמיניסטראציע צו באזארגן נידעריגע אינטערעסט לאונס פאר איינוואוינער און ביזנעסער אין זיבן קאונטיס באטראפן דורך טראפישע שטורעם 'פרעד'**

***דיזעסטער לאָון ארויסזוך צענטער צו העלפן אפליקאנטן וועט זיך עפענען אום יאנואר 25***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דער יו-עס קלענערע ביזנעס אדמיניסטראציע וועט מאכן נידעריגע אינטערעסט לאונס פאראן פאר היים אייגנטימער און ביזנעסער אפעקטירט דורך טראפישע שטורעם 'פרעד' אין מיטן אוגוסט צו העלפן זייער ערהוילונג. די נידעריגע אינטערעסט לאונס זענען צו באקומען פאר איינוואוינער און ביזנעסער אין סטובען קאונטי און די באהאפטענע קאונטיס פון אלעגאני, טשעמונג, ליווינגסטאן, אנטעריאו, סקאוילער און יעיטס.

טראפישע שטורעם 'פרעד' האט געהאט א שווידערליכע ווירקונג אויף די איינוואוינער פון סטובען קאונטי — תוצאות וועלכע מען שפירט נאך ביז היינט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "טראצדעם וואס FEMA האט צוריקגעוויזן צו געבן די קאונטי איינציגווייזע הילף איז געווען גאר אנטוישנד, וועלן אבער די נידעריגע אינטערעסט הלוואות פון דער יו-עס קלענערע ביזנעס אדמיניסטראציע זיין דער שליסל צו העלפן איינוואוינער און ביזנעסער זיך צוריקשטעלן אויף זייערע פיס ווי שנעלער מעגליך."

SBA לאָונס שטעלן צו הילף פאר בארעכטיגטע היים אייגנטימער, דינגער, ביזנעסער, און אנדערע וועלכע נויטיגן זיך אין פינאנציעלע שטיצע נאך עמערדזשענסיס אדער וועטער-פארבינדענע דיזעסטערס. נאכפאלגנדיג דער פאסירונג, האבן שטאב מיטגלידער פון דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס און סטובען קאונטי דורכגעפירט א גרונטליכע אפשאצונג פון די שאדנס פארבינדן מיט דעם אינצידענט. די אפשאצונג האט באשטעטיגט אז גרויסע שאדנס זענען פארגעקומען פאר 38 היימען און 14 ביזנעסער אין סך הכל פון 1,073,000 דאלער און 1,050,000 דאלער יעדע באזונדער, און קלענערע שאדנס צו 84 היימען און 12 ביזנעסער אדער נאָנפראָפיטס אין סך הכל פון 700,000 דאלער און 185,000 דאלער יעדע באזונדער.

די פאלגענדע גרופעס קענען מעגליך זיין בארעכטיגט פאר הילף פון SBA דיזעסטער הלוואות פאר די פאלגענדע:

- היים אייגנטימער: ביז 200,000 דאלער אויף צו פאררעכטן אדער אויסטוישן געשעדיגטע ריעל עסטעיט.
- היים אייגנטימער און דינגער: ביז 40,000 דאלער אויף צו פאררעכטן אדער אויסטוישן געשעדיגטע פערזענליכע פארמעגנס.
- ביזנעס אייגנטימער: ביז 2 מיליאן דאלער אויף צו ערזעצן ריעל עסטעיט, אינווענטארי, מאשינען, אויסריכטונגען, און אנדערע פיזישע פארלוסטן.

- ביזנעסער און נאָן-פראפיטס: עקאנאמישע שאדן דיזעסטער הלוואות ביז 2 מיליאן דאלער צוצושטעלן נויטיגע ארבעט קאפיטאל ביז געוועהנטליכע אפעראציעס וועלן ווייטער פארזעצן נאך א דיזעסטער.

**ניו יארק סטעיט היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** ״איבערבויען נאך א שטורעם איז קיינמאל נישט גרינג צוליב די אנגעשטרענגטקייט און נאך ערגער געמאכט דורך פינאנציעלע דרוק. די הלוואות וועלן העלפן ניו יארקער באטראפן דורך דער דיזעסטער מיט נידעריגע אינטערעסט הלוואות. איך דאנק דער SBA פאר זייער הילף פאר סטובען איינוואוינער זיך צו ערהוילןפון טראפישע שטורעם ׳פרעד׳.״

אינטערעסט-ראטעס קענען זיין ביז 1.563 פראצענט פאר היים אייגנטימער און דינגער, 2.00 פראצענט פאר נאָנפראָפיט ארגאניזאציעס און 2.855 פראצענט פאר ביזנעסער מיט טערמינען אויף ביז 30 יאר. הלוואה סומעס און טערמינען ווערן אוועקגעשטעלט דורך דער SBA און זענען באזירט אויף יעדע אפליקאנט׳ס פינאנציעלע אומשטענדן.

SBA האט געעפנט א דיזעסטער הלוואה ארויסזוך צענטער (DLOC) צו העלפן איבערלעבער זיך צו ווענדן. קאסטומער שטיצע אגענטן שטייען גרייט אויף צו העלפן אפליקאנטן מיט אויספילן דער אפליקאציע ווי אויך ענטפערן פראגן איבער דער SBA דיזעסטער הלוואה פראגראם. די DLOC אינפארמאציע איז ווי פאלגענד:

**דיזעסטער הלוואה אוטריטש צענטער**
Woodhull New York Town Hall, 1585 Academy Street, Woodhull, N.Y., 14898
**עפענונג דאטום:** דינסטאג, יאנואר 25 אום 11:00 צופרי ביז -6:00 אוונט.
**שעה׳ן פון אפעראציע:** מאנטאג ביז שבת:
**שעה׳ן:** 9:00 צופרי ביז -6:00 אוונט מאנטאג ביז פרייטאג; 8:00 צופרי ביז -12:00 מיטאג שבת פארשלאסן זונטאג
**פארשליסן זיך אויף בקביעות:** דאנערשטאג, פעברואר 10 אום 4:00 נאכמיטאג.

אפליקאנטן קענען רופן דער SBA קאסטומער סערוויס צענטער אויף **(800) 659-2955** אדער שיקן אן אימעיל צו disastercustomerservice@sba.gov פאר מער אינפארמאציע אויף SBA דיזעסטער הילף. מענטשן וועלכע זענען טויב אדער הערן שוואך קענען רופן **(800) 877-8339**. פאפירענע לאָון אפליקאציעס קען מען דאונלאד׳ען ביי http://www.sba.gov/disaster. פארענדיגטע אפליקאציעס זאלן ווערן ארויסגעשיקט צו: U.S. Small Business Administration, Processing and Disbursement Center, 14925 Kingsport Road, Fort Worth, TX 76155.

דער לעצטער טאג וואס מען קען ארייננגעבן אפליקאציעס פאר שאדן צו פיזישע פארמעגנס איז מערץ 21, 2022. דער לעצטער טאג איינצוגעבן עקאנאמישע שאדן אפליקאציעס איז אקטאבער 20, 2022.

###